

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת בהעלותך
תשע"ח לפ"ק
גליון ב'

## שאלה

**זאלן עלטערן לאזן א קינד אליינס באקומען ערפארונג אין לעבן, כדי ווען ער טרעפט דעם אמת זאל ער זיין שטערקער וויבאלד עס קומט פון זיין אייגענע ערפארונג?**

## ענטפער:

דער ענטפער איז אז זייער אפט איז עס צו א טייערע שפיל צו ערלויבן פאר א קינד זיך אליינס צו לערנען. אויב וועסטו לאזן א קינד זיך ארומשפילן מיט א געז-רענטש, וועט דאס קינד מעגליך נישט האבן קיין שאנס זיך צו לערנען פון זיין ערפארונג. ווייל עס קען זיין צו שפעט. איר ווייסט, ס'זענען דא מענטשן וואס האבן ערלויבט זייערע קינדער זיך צו לערנען פון זייער אייגענע ערפארונג, אבער די קינדער זענען שוין נישטא צו קענען נוצן זייער ערפארונג. און דערפאר דארפסטו נוצן 'דיין' ערפארונג און עס איבערגעבן צו דיין קינד מיט ווערטער און דורך א פאסיק. א פאסיק איז זייער א גוטע וועג פון איבערגעבן ערפארונג...! דו נעמסט די זאכן וואס דו האסט שוין געלערנט – לאמיר זאגן דו האסט געלערנט אז לויפן אינמיטן גאס, צו שפילן אויף א גאס, איז נישט גוט פאר'ן געזונט. אבער דאס קינד ווייסט עס נישט. איז ווען דאס קינד פאלגט נישט און ער לויפט אויפ'ן ראוד, ביזטו בארעכטיגט צו זיין שטרענג און אים באשטראפן. עס איז די גרעסטע הצלה. דו ראטעווועסט זיין לעבן.

און ווען הקב"ה שטראפט אונז, טוט ער די זעלבע זאך. ער גיבט איבער פון זיין ערפארונג, זיינע ידיעות צו אונז. און דערפאר קענען מיר נישט לאזן סיי-ווער אליינס צו האבן ערפארונג אין סיי-וואס. איבערגעגעבענע ערפארונג איז די בעסטע וועג. יעצט, איך ווייס פון א פאל פון א ראש ישיבה וואס האט געמאכט זייער א גרויסע טעות. און ער מיינט נאך אלץ אז ער איז גערעכט! ער האט געזאגט אז ער ערלויבט צו לערנען עוואלוציע אין זיין הויעך-שולע. און ווען עס זענען געווען טענות וועגן דעם האט ער געזאגט "בעסער זאלן די אינגלעך הערן וועגן דעם דא, ווי איידער אינדרויסן." ער וויל זיי צוגעוואוינען דערצו. איז אויב וואלט ער זיי צוגעגרייט מיט ראיות קעגן דעם, אפשר. אבער למעשה האט ער זיי צוגעוואוינט מיט די טענות 'פאר' די טעאריע, ווייל די טיטשערס זענען געווען אפיקורסים. איז וואספארא סארט שפראך איז דאס?! עס איז בלויז געווען א תירוץ ווייל ער האט געוואלט קענען נוצן די אומזיסטע שולע-ביכער וואס ער באקומט פון די רעגירונג, און דאס איז געווען זיין תירוץ. עס איז נישט צוגעוואוינען – ס'איז אומ'אחריות'דיג! מיר קענען נישט לאזן אונזערע קינדער עקספערימענטירן. איינמאל א קינד ווערט צוגעבינדן צו שלעכטע זאכן, איז עס כמעט דערנאך.

## שאלה

**וואס איז די אידישע שטאנדפונקט בנוגע האבן שטוב-באשעפענישן אינדערהיים, אזוי ווי הינט און קעץ?**

## ענטפער:

די פראגע איז אויך וואס עס איז די אידישע שטאנדפונקט בנוגע עסן לאקשן?...

דער ענטפער איז אז עס איז נישטא קיין אידישע שטאנדפונקט. דו דארפסט א אידישע שטאנדפונקט אויף יעדע נארישע זאך?! איז איך וועל דיר זאגן. די אידישע שטאנדפונקט בנוגע עסן "מאקאראניס" איז אז עס דארף זיין כשר, דאס אלעס. און דו דארפסט מאכן א ברכה.

אבער, איך מוז אייך זאגן, עס איז דא איין זאך בנוגע שטוב-חיות. אז זיי זאלן נישט שעדיגן אנדערע מענטשן. דאס איז א אידישע שטאנדפונקט. אויב דו לערנסט גמרא, האסטו געוויס געלערנט אז אויב דו האסט א הונט וואס בלייבט אייביג העפליך אונטער די צוים,

אבער דאן ווען מענטשן גייען דורך לויפט דער הונט ביז די צוים און גיבט א הויכע ברום, און זייער הארץ שטעלט זיך אפ פאר א סעקונדע, דאן דארפסטו זיין באזארגט וועגן דיין עולם הבא. דאס איז א אידישע שטאנדפונקט. און דאס, אויב לערנסטו נישט גמרא, ווייסטו עס נישט.

עס איז דא א גמרא וועגן דעם (בבא קמא, ע״ט ע״ב, פ״ג ע״א). דו דארפסט זיין פארזיכטיג אז דיין באשעפעניש זאל נישט דערשרעקן מענטשן. דא איז דא א מענטש וואס האט א הונט און ווען דו גייסט דורך, הייבט די הונט אן צו בילן, און דו גייסט דורך דערשראקן און נערוועז. דו ביזט באזארגט – דו האסט מורא אז אפשר וועט ער אראפרייסן דיין הויזן; און אסאך מאל טוט ער עס! א רב, מיינס א שכן אין איסט-פלעטבוש, האט א הונט צעריסן זיין הויזן. איך בין אויך אמאל געביסן געווארן דורך א הונט! איך האב גערופן די פאליציי. און דער בעל הבית האט מיר געשאלטן פאר'ן זיי רופן. ער האט געזאגט "מיין הונט איז הילפבאר." זיין הונט איז הילפבאר! דאס מיינט – דו מעגסט הנאה האבן פון א ביס פון מיין הונט; עס איז ווערד. א משוגענער!

אן ארטאדאקסישער איד איז דער איינציגער וואס ווייסט וועגן דעם. זיכער, עס זענען אויך דא ארטאדאקסישע אידן וועלכע זענען עמעראצים. אבער זיי זענען נישט ארטאדאקסיש. נישט 'גענוג' ארטאדאקסיש. ווייל באמת, זענען עס בלויז די ארטאדאקסישע אידן, די עכטע ארטאדאקסן, וועלכע ווייסן וואס עס מיינט זיך אפהיטן פון שעדיגן אנדערע מענטשן.

## שאלה

### וואס זאל זיין אונזער באציאונג צו ווילדע ('ראק ענד ראל') מוזיק, נייעס און צייטונגען, א.א.וו.?

## ענטפער:

פארוואס זאלן מיר האבן סיי-וועלכע באציאונגען צו 'ראק ענד ראל'? וואס איז שוין 'ראק ענד ראל' צו האבן דערצו באציאונגען? וואס איז עס בכלל? אויב עמיצער גלייכט מוזיק, קענען מיר רעדן וועגן מוזיק. אבער פארוואס דארפסטו 'ראק' אין דעם?! און אויב פרעגסטו וואס איז אונזער צוגאנג לגבי זיך משוגע מאכן, איז אונזער צוגאנג היפש נעגאטיוו...

וואס איז אונזער צוגאנג צו טעלעוויזיע? מיר האבן זייער א פאזיטיווע צוגאנג. דו נעמסט א האמער און דו צעברעכסט עס אויף שטיקער. דאס איז די איינציגסטע צוגאנג צו טעלעוויזיע. און עס איז צייט פאר אידן זיך אויפצואוועקן. אסאך אידן זענען נאריש ווי עס קען נאר זיין. זיי מיינען אז זיי קענען נאך מאכן א מישמאש – זיי קענען זיין ארטאדאקסישע אידן און האבן טעלעוויזיע. זיי פארשטייען נישט אז די צוויי זאכן זענען א דירעקטע סתירה. האבן א טעלעוויזיע מיינט אז דו ביזט א תלמיד פון אלע קרענק פון די גאס. אויב דו זיצט צופיסנס פון די סארט 'רבי'ס', די רשעים – וועסטו פארלירן דיין חלק אין עולם הבא. קוק, קיינער וועט דיר נישט זאגן דעם אמת, וועל איך עס טון. אפילו עס איז אומשולדיגע טעלעוויזיע, אן קיין עבירות, איז עס אזעלכע שטותים, עס איז אזוי נאריש. אבער דער אמת איז אז עס איז זייער שווער צו טרעפן אן איידעלע טעלעוויזיע פראגראם היינט צו טאגס. (הע"ה: דאס איז געזאגט געווארן תשל"ח). און דעריבער פילסטו אן דיין קאפ מיט מיסט; איז וויאזוי קענסטו נאך ערווארטן אריינצולייגן סיי-וואס גוטס אין אזא קאפ?

און דערפאר דארף עס נישט זיין קיין פראגע אין אונזער מחשבה וועגן די זאכן. איך האב לעצטנס גערעדט וועגן דעם. עס איז געווען א קירכע וואס האט געמאכט א גרויסע צוזאמקום אין זייער הויף, וואו זיי האבן געמאכט א גרויסן פייער. און יעדער מעמבער פון די קירכע האט געברענגט זייער טעלעוויזיע און עס אריינגעווארפן אין פייער. עס איז געווען בערך זיבן יאר צוריק. זיבן יאר, און איך ווארט נאך אלץ אז א אידישע שול זאל דאס טון! דו ווייסט וואס דאס מיינט? עס מיינט אז ס'איז דא אידן וואס רעדן בלויז דורך זייערע היטן וועגן זיין אידן. אבער זיי מיינען עס נישט ערנסט. זיי מיינען נישט ביזנעס! וועגן אנדערע רעדט איך נישט. זיי קענען אפילו נישט טענה'ן אז זיי מיינען עס ערנסט. אבער איך רעד אפילו פון אסאך ארטאדאקסן אז זיי מיינען עס נישט ערנסט. דאס איז די פשוט'ע אמת. זיי ווילן זיך בלויז אליינס נארן, בשעת זיי גייען העפטיג אראפ דעם וועג צו אסימילאציע וואס איז אויפ'ן וועג צום באר שחת. דאס איז וואו זיי גייען. מיט ווייניג אויסנאמען, רוב ארטאדאקסן גייען אויפ'ן וועג צום חורבן. רוב בתי שולן, מיינען נישט ביזנעס. זיי ווערן ערגער און ערגער. בלויז זייער ווייניג מאכן טוישונגען און גייען אויף די פארקערטע דירעקציע. אבער דו גייסט נישט אויף די פארקערטע דירעקציע, אין ריכטונג פון השי"ת, אויב פארמאגסטו א טעלעוויזיע און צייטונגען.

יעצט די צייטונגען איז אן אנדערע מעשה. צייטונגען דארפט איר וויסן איז גארבעטדזש שבעגארבעטדזש. אפשר אז דו ליינסט בלויז די קעפלעך און נישט די עדיטאריעלס, אדער אויב עס מאכט זיך אז דו ליינסט עס, אבער דו ווייסט אז זיי זענען אלע נידריגע מענטשן – זיי זענען אלע פארקרומט – ספעציעל די ניו יארק טיימס וואס שטיפט אלע סארטן תועבות. אמאל האבן מענטשן געמיינט אז ליינען די ניו יארק טיימס מיינט אז זיי זענען קולטורעלע מענטשן, אז מען איז אויפגעקלערט, און דעריבער פלעגן זיי עס מיטראגן מיט זיך. אפילו מענטשן וואס האבן נישט געקענט ליינען האב עס געקויפט. איך קען א רב, א מלמד אין די "ישיבה מתיבתא". ער טראגט מיט זיך א ניו יארק טיימס כדי מענטשן זאלן אים רעספעקטירן. אויב וואלט ער אויפגעהויבן א האנט פון הונט-שמוץ און אריינגעאנגען דערמיט אין די מתיבתא, וואלט עס געווען מער בכבוד'דיג.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות